בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שמיני תשע"ז | פרשת פרה | גליון 354 [שנה ח']

### פארוואס דארפן זיי ברענגען א עגל און א שעיר

וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי.. וַיֹּאמֶר אֶל אַהֲרֹן קַח לְךָ עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת .. וְאֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר קְחוּ שְׂעִיר עִזִּים לְחַטָּאת וְעֵגֶל .... לְעֹלָה: (ויקרא ט' א-ג). שטייט אין ספרא (שמיני פרשה א ג) אז משה האט געזאגט פאר אהרן צו ברענגען א עֵגֶל צו מכפר זיין אויף זיין חלק פון חטא הָעֵגֶל און די אידן דארפן ברענגען א עֵגֶל צו מכפר זיין אויפן חֵטְא הָעֵגֶל און א שְׂעִיר עִזִּים צו מכפר זיין אויף זייער שְׂעִיר עִזִּים עכ"ד. שטייט אין די מפרשים אז די עֵגֶל איז געווען מכפר צו זיין אויף חֵטְא הָעֵגֶל, ווייל מיר טרעפן נישט אין די הייליגע תורה עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת נאר פַּר בֶּן בָּקָר, און די עִזִּים איז צו מכפר זיין אויפן מכירת יוסף וואס זיי האבן געטויבל'ט זיין כתונת הפסים אין דם השעיר צו ווייזן אז טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף. לכאורה וואס איז די קשר פון מכירת יוסף און חטא העגל? ענטפערט דער מלבי"ם אז עס שטייט אין ירושלמי (מס' פאה פ"א ה"א) אז די ברידער האבן חושד געווען יוסף אויף עסן אבר מן החי. און די ויכוח איז געווען ביי א אבר פון א בהמה וואס איז געווען מְפַרְכֶּסֶת, -נאך די שחיטה אבער עס לעבט נאך-. וואס א ישראל איז מותר דאס צו עסן ווייל עס איז שוין נאך די שחיטה, אבער פאר א בני נח איז דאס אסור ווייל עס הייסט א אבר מן החי. יוסף האט געהאלטן אז זיי האבן א דין פון בני נח, איז דאס אבר מן החי און אסור צו עסן, אבער די ברידער האבן געהאלטן אז זיי האבן א דין פון א ישראל איז דאס מותר. יעצט ווען די אידן האבן געדינט די עגל, איז געווען זייער טענה אז זיי האבן געהאט א דין פון בני נח ווייל עס איז געווען נִשְׁתַּבְּרוּ הַלּוּחוֹת, איז יעצט געקומען די טענה אויף די אידן, אויב זיי זענען געווען בני נח, איז דאך יוסף געווען גערעכט אז זיי האבן נישט געמעגט עסן א אבר פון א מְפַרְכֶּסֶת, האבן זיי אים נישט געמעגט פארקויפן, דעריבער דארפט איר ממנ"פ א כפרה, אדער אויף די עגל, אדער אויף די מכירת יוסף, דעריבער דארפן זיי ברענגען א עגל און א שעיר צו מכפר זיין. (מלבי"ם התורה והמצווה)

### א עצה אויף אהבת ישראל און הכנה לתפילה

וַיִּקְרְבוּ כָּל־הָעֵדָה וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי ה': (ט' ה') א מענטש וואס וויל האבן אהבת ישראל איז די עצה צו דעם: ער זאל טראכטן אז אזוי ווי די אלע נשמות זענען געווען נאנט אין די עולם הנשמות ווען עס איז געווען בטרם כל יציר נברא, אזוי זאלן זיי זיין וויטער נאנט אפילו זייערע גופים זענען אנדערש און ווייט, אבער זייערע הערצער און נשמה זאלן זיין באחדות און נאנט. דאס מיינט שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח רֵעִים הָאֲהוּבִים, אז אידן זאלן זיין נאנט אויף דער וועלט און פרייען איינער מיט דער אנדערער, כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם, אזוי ווי די נשמות זענען אמאל געווען נאנט אין גן עדן און זיך געפריידט איינער מיט'ן אנדערן. דאס זאגט די פסוק וַיִּקְרְבוּ כָּל־הָעֵדָה, כלל ישראל האבן געהאט קירוב הלבבות אויף יענער וועלט: ווייל וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי ה' ווייל די נשמות זענען געווען נאנט בעולם הנשמות לִפְנֵי ה', דעריבער זאל מען זיין ווייטער נאנט מיט אלע אידן מיט אחדות און ליבשאפט. לויט דעם קען מען מוסיף זיין אז עס שטייט אין די סידורים אז מען איז מחוייב צו מקבל זיין אויף זיך די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך גלייך אינדערפרי און דאס איז די בעסטע הכנה פארן דאווענען כדי די תפילות זאלן נתקבל ווערן. און די גמ' זאגט (ברכות ו:) "אין עמידה אלא תפילה" אזוי ווי עס שטייט (בראשית י"ט כ"ז) וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר "עָמַד" שָׁם אֶת פְּנֵי ה'. דאס זאגט די פסוק: וַיִּקְרְבוּ כָּל־הָעֵדָה, וואס דאס מיינט מען זאל זיך מְקָרֵב זיין איינער מיט'ן אנדערן מיט אהבת ישראל, ווייל זיי האבן געהאט קירוב הלבבות איז דעמאלטס: וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי ה' קען מען זיך שטעלן פארן אויבערשטן און גיין דאווענען. (חסד לאברהם - ראדאמסק)

### פארוואס דארף אהרן א כפרה – א מדרש פליאה

וַיֹּאמֶר אֶל אַהֲרֹן קַח לְךָ עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת וְאַיִל לְעֹלָה תְּמִימִם וְהַקְרֵב לִפְנֵי ה': (ט ב) שטייט א מדרש פליאה אז אהרן האט געזאגט רבש"ע אויב איך דארף א כפרה דארפן נישט די אידן א כפרה, און אויב די אידן דארפן א כפרה דארף איך נישט א כפרה, האט דער אויבערשטער געזאגט דארפסט א כפרה צו שטיל מאכן די מויל פון שטן! מען קען פארשטיין לויט די גמ' (שבת דף נה.) אז פון א מדה טובה איז הקב"ה נישט חוזר, חוץ דא: (יחזקאל ט ד) וַיֹּאמֶר ה' אֵלָיו עֲבֹר בְּתוֹךְ הָעִיר בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלָם וְהִתְוִיתָ תָּו עַל־מִצְחוֹת הָאֲנָשִׁים הַנֶּאֱנָחִים וְהַנֶּאֱנָקִים עַל כָּל־הַתּוֹעֵבוֹת הַנַּעֲשׂוֹת בְּתוֹכָהּ: דער אויבערשטער האט געזאגט צו מלאך גבריאל ער זאל אנצייכענען אויף די שטערנ'ס פון די צדיקים א אות תי"ו פון טינט, עס זאל נישט שולט זיין מלאכי חבלה, און ער זאל אנצייכענען אויף די שטערנ'ס פון די רשעים א אות תי"ו פון בלוט, עס זאל שולט זיין מלאכי חבלה, האט מדת הדין געזאגט: רבש"ע! מיט וואס זענען די צדיקים אנדערש פון די רשעים? אמר לה: הללו צדיקים גמורים והללו רשעים גמורים! אמרה לפניו: רבש"ע! היה בידם למחות ולא מיחו! פארוואס האבן די צדיקים נישט מוחה געווען אויף די רשעים? אמר לה: גלוי וידוע לפני שאם מיחו בהם לא יקבלו מהם! אמרה לפניו: רבש"ע! אם לפניך גלוי - להם מי גלוי? די מדת הדין -שָׂטָן- ווייסט דאס נישט. דאס קען זיין פשט אין מדרש: דער אויבערשטער האט געהאט א טענה צו אהרן אז באמת וואלט ער נישט געדארפט א כפרה ווייל זיין מוחה זיין וועט סיי ווי נישט העלפן, אבער כדי שטיל מאכן די מדת הדין וואס ווייסט דאס נישט אז די מחאה וואלט נישט געהאלפן און וועט מקטרג זיין אויף דעם נישט מוחה זיין, דעריבער קַח לְךָ עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת און האב א כפרה. (תולדות אברהם- ר' אברהם ברודא)

### פארוואס שטייט א לשון פון קַח

וַיֹּאמֶר אֶל אַהֲרֹן קַח לְךָ עֵגֶל בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת (ט' ב'). זאגט רש"י. להודיע שמכפר לו הקב"ה ע"י עגל זה על מעשה העגל שעשה. דארף מען פארשטיין אז אין גמ' און אין מדרש איז משמע אז אהרן האט נישט געזינדיגט אין די מעשה העגל, איז פארוואס דארף ער א כפרה? נאך דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט א לשון קַח? נאר עס שטייט אין זוהר הק' אז אויב אהרן וואלט נישט איבערגענומען די גאלד פון זייערע הענט נאר ער וואלט זיי געהייסן דאס אראפלייגן אויף די ערד, וואלט נישט ארויס געקומען א עגל פון די גאלד ע"כ. קומט אויס אז די חטא פון אהרן איז געווען וואס ער האט איבערגענומען די גאלד פון זייערע הענט, ממילא דארף ער נאר א כפרה אויף די קיחה, איז זייער גוט פארוואס עס שטייט קח לך עגל, צו מכפר זיין אויף א אנדערע קיחה, פון זייערע הענט. (לקוטי בשמי"ם בשם הגאון ר' דוד לידא)

### פארוואס איז די כעס נאר אויף בני אהרן

וְאֵת | שְׂעִיר הַחַטָּאת דָּרֹשׁ דָּרַשׁ מֹשֶׁה.. וַיִּקְצֹף עַל־אֶלְעָזָר וְעַל־אִיתָמָר בְּנֵי אַהֲרֹן הַנּוֹתָרִם לֵאמֹר: מַדּוּעַ לֹא־אֲכַלְתֶּם אֶת־הַחַטָּאת: (י' ט"ז ט"ז) זאגט רש"י וועגן די כבוד פון אהרן האט משה רבינו זיך אויסגעדרייט זיין פנים צו די בני אהרן און געווארן אין כעס. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס איז געווען די כעס נאר אויף די בני אהרן און נישט אויף אהרן אליין? נאר די גמרא ברענגט (נדרים ט:) אז שמעון הצדיק וואס איז געווען א כהן האט נישט געוואלט עסן פון א אָשָׁם נָזִיר, ווייל ער האט געהאלטן אז א נזיר איז א חוטא. און דער רא"ש איז מסביר דער טעם, ווייל עס איז א גנאי פאר א אדם חשוב צו עסן א קרבן וואס קומט וועגן א חטא. ממילא די שְׂעִיר הַחַטָּאת איז געקומען מכפר זיין, אזוי ווי די שעיר ראש חודש וואס קומט צו מכפר זיין אויף די טמאים וואס האבן געגעסן טהור. קומט אויס אז עס איז א גנאי פאר א אדם חשוב ווי אהרן צו עסן פון דעם חטאת, ממילא וואלטן די בני אהרן דאס געדארפט עסן און נישט אהרן, ווייל ער איז א אדם חשוב, דעריבער איז משה רבינו געווען אין כעס נאר אויף די בני אהרן, מַדּוּעַ לֹא־אֲכַלְתֶּם אֶת־הַחַטָּאת, פארוואס האבן זיי דאס פארברענט און דאס נישט געגעסן. (טעמא דקרא – סטייפלר גאון)

## **** דער אהבת ישראל פון וויזניץ פארעכט א נשמה דורך באצאלן זיין אלטע חוב ****

ווען דער הייליגער אמרי ברוך פון וויזניץ, דער זון פון הייליגן צמח צדיק, איז נסתלק געווארן כ׳ כסלו תרנ״ג איז ער געווען א יונגערמאן פון 48 יאר, ער האט איבערגעלאזט 7 הייליגע קינדער און זייער אסאך חובות. די ברידער האבן אלע מסכים געווען אז דער בכור הרה״ק ר׳ ישראל דער אהבת ישראל זאל איבערנעמען די מלוכה. יענע יאר איז געווען א קאלטער ווינטער און דאס האט געשאפט אז ווייניג חסידים זענען געקומען צו פארן און די חובות האבן געוואקסן און די בעלי חובות האבן געדריקט, איין טאג איז אנגעקומען א בריוו פון א איד אין יַאס וואס האט געדארפט א גרויסע ישועה און ער שרייבט אז ער האט געהערט פון זיינער א ידיד אז דער רבי איז א פועל ישועות און ער שיקט דא א גרויסער פדיון אז דער רבי זאל אים העלפן. דער איד איז נישט געווען באקאנט אלץ איינער וואס איז געווען ביים אמרי ברוך אדער דער צמח צדיק און קיינער האט נישט געקענט דעם נאמען.

דער גבאי הרה״ח ר׳ אפרים מאהלער וואס איז נאך געווען ביים צמח צדיק האט אריינגעטראגן די בריוו צום רבין וואס עפענט דעם בריוו און לייענט דאס א לענגערע צייט, און דער גבאי פריידט זיך אז דער רבי וועט אים געבן די געלט פון פדיון כדי איינצוקויפן פארן שטוב וואס מען האט געדארפט, ווייל די קאסע איז געווען ליידיג! אבער דער רבי נעמט די געלט און קוויטל און לייגט דאס אריין אין זיין ליידל און פארמאכט די ליידל און ר׳ אפרים האט פארשטאנען אז דער רבי וויל האלטן די געלט און וועט אים דאס נישט געבן.

עס איז נישט אריבער צו לאנג און א איד ווארט אריינגיין צום רבין און דער גבאי האט אים אויך נישט געקענט אלץ א חסיד פון די וויזניצער רבי׳ס און וואונדערט זיך פארוואס ער איז געקומען צום רבין, און ער זאגט אז ער האט א וויכטיגע בקשה פון רבין און זיינער א ידיד האט געזאגט אז דער רבי איז א פועל ישועות, און דער גבאי לאזט אים אריין. ווען דער איד איז אריין צום רבין האט ער אויסגעבראכן אין א געוויין אז ער האט א שידוך געטאן מיט זיין טאכטער און צו געזאגט א סכום אויף די חתונה אבער ער האט נישט קיין פרוטה צו די נשמה און ער איז א גרויסער ביישן און קען נישט ארומגיין בעטן געלט ביי אידן, און די חתונה דערנענטערט זיך און מען האט אים געזאגט אז אין וויזניץ קען דער רבי אים העלפן מיט הוצאות החתונה. דער רבי פרעגט אים אויס שאלות פון וואו ער קומט און דער רבי נעמט זיך פארטראכטן א ווײלא און ווען ער קומט צו זיך נעמט ער ארויס די בריוו וואס דער איד פון יאס האט אים געשיקט און נעמט ארויס די געלט און גיט דאס צו יענעם איד און דאס איז געווען פונקט וויפיל ער האט געדארפט אויף די חתונה!

דער איד האט שטארק געדאנקט דעם רבין און איז אוועק א געהאלפענער. אבער ר׳ אפרים איז געווארן אויסער זיך היתכן דער רבי האט באקומען אזא גרויסער פדיון און די חובות דריקן און דא גיט ער אוועק אזא סכום געלט און נאך צודערצו איז דער איד א פרעמדער וואס האט נישט קיין שום שייכות קיין וויזניץ! און ער האט געהאט די שטאלץ און געפרעגט דעם אהבת ישראל, היתכן? דער רבי הייסט אים זיך זעצן און זאגט איך וועל דיר דערציילן עפעס! שטעל זיך פאר א איד פון יאס וואס איז נישט געווען ביים טאטן און נישט ביים זיידן און ער שיקט פונקט צו מיר א בקשה מיט א גרויסער פדיון, דארף מען זיך מתבונן זיין אז עס איז נישט א דבר פשוט! אויך נאכדעם קומט א איד וואס איז נישט געווען ביים טאטן און נישט ביים זיידן און ער קומט בעטן א בקשה צו העלפן אויף הוצאות החתונה פונקט צו מיר! ממילא דארף מען חושש זיין אז עפעס העכער׳ס ליגט דא, און מיט גרויס ענוה זאגט דער רבי״ אז ממילא דארף מען חושש זיין אז אפשר זענען די צוויי אידן געווען אמאל אויף דער וועלט צוזאמען און דער איד פון יאס האט געקומט א סכום געלט פאר דער איד וואס האט געדארפט חתונה מאכן, און דער איד פון יאס שרייט זיין נשמה אויף א תיקון האט מען די ביידע נשמות געשיקט אויף דעם וועלט כדי עס זאל זיין פאר זיי א תיקון, האט דער בורא כל העולמים וואס איז מסבב כל הסיבות רחמנות געהאט אויף די נשמות און זיי ביידע געשיקט קיין וויזניץ אז די געלט וואס דער איד פון יאס איז שולדיג פאר דעם איד וואס דארף חתונה מאכן זאל אנקומען צו די ריכטיגע פלאץ און זייערע נשמות זאלן שוין זיין רוהיג. ממילא אויב עס איז דא אזא חשש זאל איך נישט געבן די געלט כדי די נשמה פון דעם איד פון יַאס זאל האבן א תיקון! דער גבאי ר׳ אפרים האט שוין גוט פארשטאנען אז דער רבי רעדט פון עניוות אבער ער האט געזען קלאר אז ווען די בריוו מיט די געלט פון יאס באלאנגט נישט צו אים, וועגן דעם האט ער דאס אוועק געלייגט וויסענדיג אז בקרוב וועט ער דארפן די געלט אפגעבן צו דעם ריכטיגער בעלים. און ווען דער איד איז געקומען בעטן די געלט האט אים דער רבי געגעבן וואס עס קומט אים.

## א מעשה פלא פון הייליגן רבי ר׳ אלימלך מליזענסק זצוק״ל לכבוד די הילולא כ״א אדר

דער סיפור האב איך געהערט פון הרה״צ ר׳ דוד פרידמאן שליט״א וואס האט דאס געהאערט פון זיין הייליגן טאטע הרה״ג ר׳ שלמה זלמן דער טענקע רב זצ״ל: ביים צווייטע וועלט׳ס מלחמה איז אריין דער דייטש ימ״ש קיין ליזענסק און זיי האבן געהערט אז א קבוצה אידן געפונען זיך ביים ציון פון רבי ר׳ אלימלך און די דייטש׳ן ימ״ש זענען אהין געגאנגען, און האבן געהייסן די אידן אויסגראבן דעם קבר פון צדיק און אויב נישט וועט מען זיי חלילה אום ברענגען, די אידן האבן נישט געהאט קיין ברירה און געבעטן מחילה פון הייליגן צדיק, זיי האבן געגראבן און געזען דעם הייליגן צדיק מיט א רויטע בארד, פריש אזוי ווי מען האט אים יעצט באגראבן. די דייטשן ימ״ש האבן געזען די צורה פון צדיק און האבן זיך דערשראקן און אוועק געלאפן איבער לאזן די אידן דארטן. די אידן האבן צוריקגעלייגט די ערד. אבער יעדער פון זיי האט גענומען א שטיקל ערד און דאס געהאלטן מיט זיך און די אלע האבן איבערגעלעבט די מלחמה. נאך די מלחמה האט יעדער פון זיי געחלומ׳ט אז ער זאל צוריקלייגן די ערד אויפן פלאץ, און זיי האבן אזוי געטאן. אין סקווירא האט געוואוינט איינער פון די אידן הרה״ח ר׳ דוד אייזנבאך ע״ה.


*הוצא לאור ע״י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה״ג ר׳ יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש״י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות$13000,*

*סידור תורה אור חב״ד געדרוקט אין שנגהאי תש״ו זייער זעלטן $6000, ספר יעקב וישראל מיט פול הגהות בכת״י $1000*

א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה״צ מטאש זצוק״ל, צוויי ספרים מיט די חתימות פון הרה״ק ר׳ פייש דער ערשטער טאש רבי, א בריוו פון הרה״ק ר׳ מרדכי ובנו ר׳ אברהם די זוויהעלע רבי׳ס זצוק״ל, א ספר קדושת לוי וואס האט באלאנגט צו הרה״ק ר׳ שמעון קאליש מאמשינוב, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע״ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת״ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב״ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה״ק ר׳ יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000**, א בריוו פון ר׳ אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, ספר מגיני שלמה ויניציא תק״א עם חתימת ר׳ פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה״ק ר׳ יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הרה״ג ר׳ אברהם פאם זצ״ל $180, א גמרא פון הגאון ר׳ שלמה היימאן זצ״ל $600, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעם איז מסודר אין א סדר. אויך האבן מיר א גרויסער אויסוואהל פון הגדה של פסח אסאך שאינם בנמצא.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת